בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נח תשע"ז — גליון 382 [שנה ח']

**ווי אזוי האט נח געקענט אויסהאלטן?**

אֶת־הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ: (ו ט) שטייט אז נח האט געהאט בזיונות די 120 יאר פון בויען די תיבה און ער האט מקבל געווען די בזיונות פון דור מיט א רוהיגקייט, און ער האט אויך געהאט יסורין דורך די אלע בהמות און חיות וואס האבן אים נישט געלאזט שלאפן און נח האט זיי אלע געמוזט באדינען אזוי ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא, כל אותן י"ב חדש לא טעם טעם שינה לא נח ולא בניו, שהיו זקוקין לזון את הבהמה ואת החיה ואת העופות, און אין רש"י שטייט אז זיי האבן אויך געביסן נח, אבער נח האט דאס געמאכט מיט א גאנצקייט, ווייל ער איז געווען דבוק אין אויבערשטן און געוואוסט אלעס איז פאר זיין טובה, דאס מיינט אֶת־הָאֱלֹקִים, זיין מיטן אויבערשטן, הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ, האט אים געהאלטן ער זאל ווייטער אנגיין. מיט דעם איז אויך גוט דעם פסוק (שמות יח כג) וְצִוְּךָ אֱלֹקִים וְיָכָלְתָּ עֲמֹד, דיווארט וְצִוְּךָ איז א לשון פון צוותא חדא –באהאפטן– אויב וְצִוְּךָ אֱלֹקִים, וועסט באהעפטן צום אויבערשטן, דעמאלטס, וְיָכָלְתָּ עֲמֹד, וועסטו קענען דורכגיין אלע סארטן מצבים אין לעבן. (שמח זבולון)

**פארוואס רופט מען די השחתה פון הָאָרֶץ און נישט אָדָם אדער בְהֵמָה**

וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס: וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה נִשְׁחָתָה: (ו יא יב) עס איז שווער וואס מיינט וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ, אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה נִשְׁחָתָה, די ערד האט נישט געזינדיגט נאר די אָדָם אדער בְהֵמָה? נאר מען קען זאגן אז די ערד האט געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט ארויסגעגעבן גוטע פירות אין א צייט וואס ער וואלט געדארפט ארויסגעבן דערנער און נישט גוטע פירות, און מיט דעם וואס זיי האבן געגעבן גוטע פירות האבן די ערד זיך נישט אנגענומען פארן כבוד פון אויבערשטן, דעריבער איז די ערד געשטראפט געווארן אז די ערד איז פארדארבן געווארן דריי טפחים, יעצט לויט דעם קען מען זאכן באופן הַפֶּלֶא פארוואס אין ארץ ישראל איז נישט געווען די מבול, נאר עס ווערט געברענגט אז אין ארץ ישראל האט די ערד טאקע זיך אנגענומען פארן כבוד פון אויבערשטן און ארויס געגעבן שוואכע פירות וועגן דעם האט דער אויבערשטער נישט געשטראפט די ערד פון ארץ ישראל מיטן מבול.
(אמרות ה' הגאון ר' משה ליב ליטש רוזנבוים מאביו הגאון ר' יהודה מפרעשבורג)

**צַדִּיק תָּמִים אדער צַדִּיק**

אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו: (ו ט) בֹּא־אַתָּה וְכָל־בֵּיתְךָ אֶל־הַתֵּבָה כִּי־אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה: (ז א) עס איז דא עטליכע דיוקים: איינס פארוואס שטייט ערשט צַדִּיק תָּמִים און שפעטער שטייט נאר צַדִּיק? אויך איז שווער פארוואס פריערט שטייט בְּדֹרֹתָיו אין זיינע דורות א לשון רבים און שפעטער שטייט בַּדּוֹר הַזֶּה נאר אין דעם דור? נאר עס שטייט פון הייליגן ישמח משה בשם דעם מדרש, אז הגם נח איז געווען א צדיק אבער עס האט געפעלט ביי אים מיט וואס ער האט נישט מתפלל געווען אויפן דור אז זיי זאלן תשובה טאן, און עס שטייט אין ספר מורא נבוכים פון הייליגן רמב"ם אז ביי די דורות פון אדם ביז נח האבן רוב מענטשן געלעבט נאר ביז 120 יאר, און די וואס די תורה האט אויס גערעכנט אז זיי האבן געלעבט מער פון 900 יאר איז געווען על פי נס ע"כ. קומט אויס אז נח וואס איז געווען 600 יאר ביים מבול האט געזען אסאך דורות פארן דור המבול, אבער ווייל זיי האבן נישט געזינדיגט האט נח א צדיק, נישט געדארפט מתפלל זיין און מגין זיין אויף זיי, און נח האט נישט געהאט דעם חסרון פון נישט מתפלל זיין פארן דור דעריבער רופט מען אים צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, אין די פריערדיגע דורות איז ער געווען אַ צַדִּיק תָּמִים, און פארוואס האט נח נישט מתפלל געווען? ווייל אֶת־הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ, וואס אֱלֹקִים איז מדת הדין און ער האט געהאלטן אז עס קומט זיי א עונש און האט נישט געוואלט מתפלל זיין פאר זיי. דעריבער האט אים דער אויבערשטער געזאגט אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה יעצט האסטו דעם חסרון פון נישט מתפלל זיין ביזטו נאר א צַדִּיק און ניט אַ צַדִּיק תָּמִים. (וייטב לב סיגעט)

**ווי קומט דאס אז נח זאל טרינקען און ווערן שיכור?**

וַיֵּשְׁתְּ מִן־הַיַּיִן וַיִּשְׁכָּר: (ט כא) נח האט געטרונקען וויין, יעצט דארף מען פארשטיין ווי קומט דאס פאר א צדיק זאל אזוי פיל טרינקען אז ער זאל ווערן שיכור? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס מיר טרעפן ביי די הייליגע שבטים וואס שטייט וַיִּשְׁתּוּ וַיִּשְׁכְּרוּ עִמּוֹ: (בראשית מג יד) די שבטים האבן געטרונקען מיט יוסף, שטייט וַיִּשְׁכְּרוּ זיי זענען געווארן שיכור, און רש"י זאגט ד"ה וַיִּשְׁכְּרוּ עִמּוֹ: וּמִיּוֹם שֶׁמְּכָרוּהוּ, אבער פון דעם טאג וואס זיי האבן פארקויפט יוסף, לא שתו יין, ולא הוא שתה יין, סיי די שבטים און סיי יוסף האבן נישט געטרונקען קיין וויין, ואותו היום שתו, נאר יענעם טאג, –דאס איז א מדרש רבה (צב ה). און דער ספר יפה תואר אויפן מדרש שרייבט וז"ל כזר נחשב לפנינו שימסר הכתוב בגנות השבטים ששתו עד כי ישכרו כי השיכרות מדה מגונה היא מאד, עס איז שווער צו זאגן אז די שבטים האבן אסאך געטרונקען ווייל דאס איז א מדה מגונה, לכן מפרש כי המה לא שתו יין חוץ ממנו ולא הורגלו ביין, זיי האבן נישט געטרונקען די גאנצע צייט, ודרך האיש שאינו רגיל ביין להיות שיכור גם אם ישתה מעט יין. ממילא א מענטש וואס איז נישט געוואוינט צו טרינקען ווערט ער שיכור אפילו מיט א ביסל וויין, אויב אזוי קען מען זאגן דאס זעלבע ביי נח וואס א גאנצע יאר איז ער געווען אין תיבה –און פארדעם איז ער געווען פארנומען מיטן בויען די תיבה– איז ער שוין נישט געוואוינט צו טרינקען וויין ממילא ווערט ער שיכור אפילו מיט א ביסל וויין, דאס מיינט דער פסוק וַיֵּשְׁתְּ מִן־הַיַּיִן געטרונקען פון די וויין כדרך כל העולם, אבער ווייל ער איז נישט געווען געוואוינט צו וויין דעריבער וַיִּשְׁכָּר. [און אויך ביי די שבטים איז אויך געווען וַיִּשְׁתּוּ א ביסל כדרך העולם, אבער ווייל זיי האבן נישט געטרונקען וויין 22 יאר איז געווען וַיִּשְׁכְּרוּ. נכדו המו"ל] (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ה - כל מקדש**

מיר זענען געבליבן אז אין מחזור ויטרי א תלמיד פון רש"י וואס ברענגט דעם נוסח שטייט וואס פעלט די אותיות פון קרש"ת, און שַׁבְּתֵיהֶם תְּשַׁכְּנֵם איז לכאורה ש' און ת'. און אנשטאט דעם חרוז ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל אַהֲבַת תָּמִים וואס איז נישט א פסוק דארף מען זאגן ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל הָבָה תָמִים. וואס איז א פסוק (שמואל א' י"ד מא) עס איז מקובל ביי יעדן דאס צו זאגן ליל שבת.

אונזער נוסח

1 כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי כָּרָאוּי לוֹ, כָּל שׁוֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת מֵחַלְּלוֹ, שְׂכָרוֹ הַרְבֵּה מְאֹד
עַל פִּי פָעֳלוֹ, אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ. (במדבר א נב) 2 אוֹהֲבֵי ה' הַמְחַכִּים
בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל, בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ כִּמְקַבְּלֵי מַתַּן נַחֲלִיאֵל, גַּם שְׂאוּ יְדֵיכֶם
קוֹדֶשׁ וְאִמְרוּ לָאֵל, בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל. (מלכים א ח נו) 3
דּוֹרְשֵׁי ה' זֶרַע אַבְרָהָם אוֹהֲבוֹ, הַמְאַחֲרִים לָצֵאת מִן הַשַּׁבָּת וּמְמַהֲרִים לָבֹא
שְׂמֵחִים לְשָׁמְרוֹ וּלְעָרֵב עֵרוּבוֹ, זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה' נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ. (תהלים קיח כג)
4 זִכְרוּ תּוֹרַת משֶׁה בְּמִצְוַת שַׁבָּת גְּרוּסָה, חֲרוּתָה לְיוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּכַלָּה בֵּין
רֵעוֹתֶיהָ מְשֻׁבָּצָה, טְהוֹרִים יִירָשׁוּהָ וִיקַדְּשׁוּהָ בְּמַאֲמַר כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וַיְכַל אֱלֹהִים
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה (בראשית ב ב) 5 יוֹם קָדוֹשׁ הוּא מִבּוֹאוֹ וְעַד
צֵאתוֹ, כָּל זֶרַע יַעֲקֹב יְכַבְּדוּהוּ כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ, לָנוּחַ בּוֹ וְלִשְׂמוֹחַ בְּתַעֲנוּג
אָכוֹל וְשָׁתוֹ, כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אוֹתוֹ (שמות יב מז) 6 מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ אֵל
קַנֹּא וְנוֹקֵם, נוֹטְרֵי לַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, זָכוֹר וְשָׁמוֹר לְהָקֵם, שַׂמְּחֵם בְּבִנְיַן שָׁלֵם, בְּאוֹר

פָּנֶיךָ תַּבְהִיקֵם, יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ, וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם, (תהלים לו ט) 7 עָזוֹר לַשּׁוֹבְתִים בַּשְּׁבִיעִי, בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר עוֹלָמִים, פּוֹסְעִים בּוֹ פְּסִיעָה קְטַנָּה, סוֹעֲדִים בּוֹ לְבָרֵךְ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים, צִדְקָתָם תַּצְהִיר כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל אַהֲבַת תָּמִים, [ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל הָבָה תָמִים. (שמואל א' י"ד מא)] ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים. 8 קַדְּשֵׁם בְּמִצְוֹתֶיךָ וְטַהֲרֵם כְּעֶצֶם הַשָּׁמַיִם לַטֹּהַר, רוּחֲךָ תְּנִחֵמוֹ כַּבְּהֵמָה תֵּרֵד בַּבִּקְעָה מִן הָהָר, שַׁבְּתֵיהֶם תְּשַׁכְּנֵם בְּנַחֲלַת הַסַּהַר. כִּנְחָלִים נִטָּיוּ כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר (במדבר כד ו)

דא ברענג איך דעם נוסח וואס שטייט אין מחזור ויטרי די שינויים מיט א פאס אונטערןווארט

כל מקדש שביעי כראוי, כל שומר שבת מחללו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו, איש על מחנהו ואיש על דגלו, אוהבי ה' המחכים לבניין אריאל, ביום שבת שישו כמקבלי מתן דת נחליאל, גם שאו ידכם קודש ואמרו לאל, ברוך י"י אשר נתן מנוחה לעמו ישראל, דורשי י"י זרע אברהם אוהבו, המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבא, ושמחים לשמרו ולערוב מערבו, זה היום עשה י"י נגילה ונשמחה בו, זכרו תורת משה עבדו כמצות שבת גרוסה, חרותה ביום שביעי ככלה בין שתי ריעותיה משובצה, טהורים יירשוה וקדשוה כמאמר אשר עשה, ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה, יום זה קדוש הוא מבואו ועד צאתו, כל ישראל כבדוהו כמשפט המלך ודתו, לנוח בו ולשמוח בתענוג שבת אכול ושתוה, כל עדת ישראל יעשו אותו, משוך חסדך ליודעך אל קנוא ונוקם, נוטרי יום שביעי בזכור ושמור להקם, שמחים בבניין שלם ואור פניך תבהיקם, ירוויון מדשן ביתך ונחל עדניך תשקם, עזור שובתים בשביעי בחריש ובקציר לעולמים, פוסעים בו פסיעה קטנה וסועדים בו לברך שלש פעמים, צדקתם תזהיר כאור שבעת הימים, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל הָבָה תָמִים. (שמואל א' י"ד מא) קַדְּשֵׁם בְּמִצְוֹתֶיךָ וְטַהֲרֵם כְּעֶצֶם הַשָּׁמַיִם לַטֹּהַר, רוּחֲךָ תְּנִחֵמוֹ כַּבְּהֵמָה תֵּרֵד בַּבִּקְעָה מִן הָהָר, שַׁבְּתֵיהֶם תְּשַׁכְּנֵם בְּנַחֲלַת הַסַּהַר. כִּנְחָלִים נִטָּיוּ כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר (במדבר כד ו) המשך בגליון הבא.

## מדור העובדות

## א משכיל ראטעוועט חסידים וועגן קלוגשאפט פון הייליגן בית אהרן פון קארלין

לעבן שטאט קארלין איז געווען א קליין שטעטל הארעדעק וואס רוב איינוואוינער זענען געווען חסידים פון הרה"ק ר' אהרן פון קארלין דער בית אהרן זצוק"ל. עס האבן אויך געוואוינט מתנגדים אין שטעטל און ווען דער אלטער שוחט וואס איז געווען א חסיד איז אוועק, האבן די מתנגדים געוואלט שטעלן א שוחט א מתנגד און האבן אזוי געטאן. און פונקט דעמאלטס איז דער בית אהרן געקומען צו זיינע חסידים אין הארעדעק און ווען מען האט אים דערציילט וואס די מתנגדים האבן געטאן האט ער געהייסן אז מען זאל נאר שטעלן א שוחט פון די חסידים. און א מחלוקת האט געקאכט אבער ווייל רוב שטעטל זענען חסידים פון בית אהרן האט מען אוועק געשטעלט א חסידישן שוחט און אוועק געשיקט דעם מתנגד. אין שטעטל איז געווען א גבר אלים פון די מתנגדים וואס איז געווען פון די משכילים און האט געוואלט נוקם זיין אין רבין, און אין מיטן טיש פון בית אהרן קומט ער צו צום רבין און הויבט אן צו רעדן מיאוסע רייד און פארשעמט דעם בית אהרן אבער דער רבי ענטפערט נישט.

די חסידים האבן געוועלט גיין טאן עפעס צום משכיל און דער רבי האט מרגיש געווען און שטרענג אנגעזאגט קיינע האט נישט רשות אנצורירן דעם איד! און דער משכיל איז ארויס פון טיש מיט א רוהיגקייט. האט דער רבי זיך אנגערופן וואס ער האט געהערט בשם הרה"ק ר' ברוך ממעזיבוז זצוק"ל אויפן פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט (תהלים מא יב) בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: -וואס פשוט פשט איז ווי אזוי וויים איך אז דער אויבערשטער איז באוויליגט אין מיינע מעשים? ווען איך האב נישט קיין שונאים, לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי, מיינע פיינט טוען נישט קיין שלעכטס צו מיר ווייל איך האב נישט קיין שונאים, - אבער ר' ברוך'ל האט געטייטשט לֹא יָרִיעַ, עס זאל נישט געשען קיין שלעכטס, צו אֹיְבִי, מיינע שונאים, דעמאלטס וויים איך אז דער אויבערשטער איז צופרידן פון מיין ארבעט. דאס הייסט אז אפילו איך האב יא שונאים ע"כ.

די חסידים האבן פארשטאנען וואס דער רבי האט געזאגט און די מעשה איז שטיל געווארן און אין שטעטל האט מען דורכגעקומען מיט די מתנגדים און געשטעלט א חסידישן שוחט ווי דער רצון פון רבין און עס איז געווארן שלום ושלוה אין הארעדעק.

עס איז אריבער צוואנציג יאר פון די מעשה.

נישט ווייט פון הארעדעק איז געווען א שטעטל טורעב און דעמאלטס איז געווען א שטיקל מלחמה פון רוסלאנד און פולין, און דער הויפט גענעראל פון די פולישע ארמיי מיטן נאמען רעגונסקי, האט זיך באהאלטן דעמאלטס אין טורעב מיט זיינע מענטשן, ביז עס וועט ווערן שטיל, אבער עטליכע מענטשן האבן איבערגעגעבן פארן קעניג אז עס געפינט זיך ביי זיי די הויפט גענעראל און די קעניג האט געשיקט זיינע קאזאקן און איינגעזעצט דעם גענעראל. זיינע באהאלטענע סאלדאטן האבן געוואלט נוקם זיין אויפן שטאט און דאס חרוב מאכן אבער די רוסישע ארמיי זענען דארטן געקומען און אויסגעהארגעט אסאך פון זיי. די וואס האבן זיך אבער גוט באהאלטן האבן יעצט גענומען נקמה און געמאכט שריפות און דעם שטעטל האבן זיי צוביסלאך פארברענט. קיינער האט נישט געקענט כאפן ווער צינד אן די הייזער, ביז מען האט געזען ווי די האלצערנע שול האט אנגעהויבן צו ברענען און מען האט געזען צוויי מענטשן ארויסלויפן פון שול און מען האט זיי אנגעכאפט און ווען מען האט געזען אז זיי זענען אידן האט מען זיי געברענגט קיין הארעדעק צו די ראשי הקהלה וואס זענען געווען קארלינער חסידים און גבירים, ר' מרדכי און ר' שלמה ליב.

די אידן האבן מודה געווען אז זיי האבן אנגעצונדען די הייזער אבער זיי זענען געווען געצוואונגען מיטן לעבן דורך די הויפט פון די פולישע פירער'ס, און זיי האבן געגעבן די נעמען פון די פירער'ס און וואו זיי וואוינען. און געבעטן מען זאל זיי מוחל זיין און זיי ווילן אנטלויפן פון די פולישע מענטשן. די צוויי ראשי הקהלה זענען געגאנגען צו די רוסישע רעגירונג וואס האבן געשיקט זייער שר איינזעצען די פולישע פירער'ס, אבער די פולישע פירער'ס האבן געלייקענט שטיין און ביין און האבן אונטערגעשמירט דעם שר אז גאר די ראשי הקהילה פון הארעדעק האבן געהייסן אנצינדן דעם שטעטל טורעב, און דער שר האט מען אונטער געקויפט און געשריבן א ראפארט אז די ראשי הקהילה זענען שולדיג אין די פייער'ס און אז זיי האבן געמאכט א בלבול אויף די פולישע פירער'ס און מען האט איינגעזעצט די צוויי חסידים גבירים אין די שטאט מֶעזִיר.

עס האט געווארט א שווערע משפט און די חסידים זיצן נעבאך אין תפיסה און מען קען זיך נישט קיין עצה געבן. דערווייל איז יענער משכיל וואס האט פארשעמט דעם בית אהרן מיט צוואנציג יאר צוריק, האט דאך געוואוינט אין הארעדעק און געוואוסט גאנץ גוט אז די ראשי הקהילה זענען טייערע מענטשן און אומשולדיג, האט מרצונו הטוב געמאכט א לאנגע נסיעה קיין פעטערבורג און זיך געטראפן מיט צאר אלכסנדר דער צווייטער, און ווייל ער איז געווען א געלערנטער און געהאט א גוטע שפראך אין רוסיש, האט ער געערדט גאר שיין און אויפגעוויזן אז די ראשי הקהלה זענען חשובע מענטשן און אומשולדיג און מען זאל זיי באפרייען.

דער צאר האט איינגעזען אז די רייד פון משכיל זענען ריכטיג און געשיקט א מעלדונג קיין מֶעזִיר אז מען זאל באפרייען די צוויי חסידים. ווען דער הייליגער בית אהרן האט זיך דערוואוסט אז גאר יענע משכיל האט באפרייט זיינע חסידים האט ער זיך אנגערופן אז ווייל מען האט נישט געשלאגן יענעם משכיל פאר צוואנציג יאר צוריק, איז ער געווארן בארוהיגט און געהאט א רחמנות געפיל אויף די חסידים פון זיין שטאט. אבער שטעל זיך פאר ווען מען וואלט אים געשלאגן! און עס איז געווען א מוסר השכל פאר די חסידים.

(ספר המאורות הגדולים -צייליגנאלד)

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*א זעלטענע שיינע תהלים זיטאמיר תרכ"ו דגל והודיה $25000, נישטא נאך אזא גלייכן, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן $7500, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות $3500, מכתב חריף שתי מילים עם חתימה מבעל דברי חיים $50000, תשובה צוויי זייטן אן א חתימה פון הייליגן ערבי נחל $20000, 5 בריוו פון ר' עקיבא איגר $150000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $2000, תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז.* $75,000 *ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים 200$ ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת